# יעדער קען באקומען העלט קעיר סערוויסעס אין NYC:

## *אפט געפרעגטע פראגעס פאר אימיגראנט ניו יארקער*



יעדע ניו יארקער האט די רעכט צו קוואליטעט העלט קעיר, אפגעזען פון זייער אימיגראציע סטאטוס, אדער מעגליכקייט צו צאלן. נעמט קעיר פון אייך און אייער פאמיליע, און באקומט די העלט קעיר סערוויסעס וואס איר דארפט. פיל סיטי סערוויסעס, ארייננגערעכנט העלט קעיר און סאושעל סערוויסעס, זענען אוועילעבל צו אלע ניו יארקער, אפגעזעהן פון אימיגראציע סטאטוס.

### העלט אינשורענס

**פאר וועלכע העלט אינשורענס קען איך זיך איינשרייבן?**

אימיגראנט ניו יארקערס האבן פיל אינשורענס אויסוואלן. קינדער אין ניו יארק סטעיט קענען באקומען העלט אינשורענס, אפילו אויב זיי זענען נישט דאקומענטירט. די NYC דעפארטמענט פון געזונטהייט און מענטל היגיענע (NYC Department of Health and Mental Hygiene) (NYC העלט דעפארטמענט) האט סערטיפייד אפליקאציע ראטגעבער וועלכע קענען אייך העלפן אויסגעפינען אויב איר זענט בארעכטיגט און וויאזוי זיך איינצושרייבן פאר העלט אינשורענס. פאר מער אינפארמאציע, רופט **311**, טעקסט "CoveredNYC" צו 877-877 אדער באזוכט [nyc.gov/health/healthcoverage](https://nyc.gov/health/healthcoverage).

אויב איר באזוכט NYC Health + Hospitals, בעט פאר א פינאנציעלע ראטגעבער אייך צו העלפן טרעפן העלט אינשורענס. געדענקט, איר האט די רעכט צו באקומען סערוויסעס אין אייער בעפארציגטע שפראך, ארייננגערעכנט שריפטליכע איבערזעצונג און פערזענליכע אדער טעלעפאנישע דאלמעטשונג.

### NYC CARE

**איך בין נישט בארעכטיגט פאר העלט אינשורענס. וויאזוי קען איך באקומען העלט קעיר סערוויסעס?**

NYC Care איז א העלט קעיר צוטריט פראגראם וואס שטעלט צו נידעריג-קאסט און אומזיסטע סערוויסעס צו ניו יארקער וואס קענען נישט באקומען אדער צאלן פאר העלט אינשורענס. NYC Care איז **נישט** א העלט אינשורענס פלאן. אבער, אויב איר האט NYC Care, קענט איר באקומען א מעמבערשיפ קארטל צו האבן צוטריט צו העלט קעיר סערוויסעס, אויסוועלן אייער אייגענע העלט קעיר פראוויידער און באקומען נידעריג-קאסט מעדיצינען. NYC Health + Hospitals שטעלן צו אלע NYC Care סערוויסעס.

**וויפיל טוט NYC Care קאסטן? וויאזוי שרייב איך זיך איין פאר NYC Care?**

NYC Care העלט סערוויסעס זענען נידעריג-קאסט אדער אומזיסט, געוואנדן אויף אייער הויזגעזונד מאס און פארדינסט. זיך צו איינשרייבן פאר NYC Care, רופט (646-692-2273) 646-NYC-CARE אדער בעט זיך צו טרעפן מיט א פינאנציעלע ראטגעבער ביי סיי וועלכע NYC Health + Hospitals לאקאציע. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [nyccare.nyc](https://nyccare.nyc).



NYC HEALTH+ HOSPITALS

NYC Health

NYC Mayor's Office of Immigrant Affairs

Yiddish

## עמערדזשענסי קעיר פאר ניו יארקער וואס האבן נישט העלט אינשורענס

### איך האב נישט העלט אינשורענס אבער איך דארף עמערדזשענסי קעיר. וויאזוי באצאל איך דערפאר?

Emergency Medicaid העלפט נידעריג-פארדינסט אומדאקומענטירטע און ציטווייליגע אימיגראנט ניו יארקער צאלן פאר העלט קעיר סערוויסעס אין צייט פון עמערדזשענסי. אימיגראנט ניו יארקער וועלכע זענען בארעכטיגט פאר Emergency Medicaid קענען אויך קוואליפיצירן פאר NYC Care צו דעקן די קאסט פון נישט-עמערדזשענסי סערוויסעס, ווי באזוכן צו זייער מעדעצינישע פראוויידער און מעדעצין.

איר קענט זיך אויך איינשרייבן פאר Emergency Medicaid צו יעדע צייט אין פאל פון א צוקונפטיגע עמערדזשענסי. אויב איר באזוכט NYC Health + Hospitals, בעט פאר א פינאנציעלע ראטגעבער אייך צו העלפן זיך איינשרייבן. איר קענט באקומען עמערדזשענסי קעיר ביי סיי וועלכע שפיטאל אין NYC, אפגעזען פון אייער אימיגראציע סטאטוס אדער מעגליכקייט צו צאלן. פאר מער אינפארמאציע, רופט **311**, אדער טעקסט "CoveredNYC" צו 877-877.

## פובליק טשארדזש:

### וואס איז די טשארדזש געזעץ? ווערט עס נאך אלץ גענוצט?

אין אויגוסט 2019, האט די טראמפ'ס אדמיניסטראציע אויסגערופן א נייע פובליק טשארדזש געזעץ. די געזעץ האט פרובירט צו אפשטעלן אימיגראנטן פון באקומען א גרין קארטל אדער וויזע אויב זיי האבן גענוצט געוויסע פאבליק בענעפיטן- אזוויי Medicaid, עסן הילף, אדער האוזינג הילף - אדער האט די פעדעראלע רעגירונג געטראכט אז זיי וועלן מעגליך זיין אנגעוויזן אויף פאבליק בענעפיטן אין די צוקונפט. אבער, די טראמפ אדמיניסטראציע'ס פאבליק טשארדזש געזעץ האט זיך געענדיגט. פון מערץ 9, 2021, האט די U.S דעפארטמענט פון היימלאנד סעקיוריטי (U.S. Department of Homeland Security) געזאגט אז עס וועט צוריקגיין צו נוצן די פאליסיס וואס זענען געווען אין פלאץ פאר אויגוסט 2019. פאר מער אינפארמאציע און אפדעיטס, באזוכט nyc.gov/publiccharge.

### וויאזוי וועל איך וויסן אויב די פאבליק טשארדזש געזעץ איז גילטיג פאר מיר?

אויב האט איר פראגעס איבער פאבליק טשארדזש, רופט די ActionNYC האטליין אויף 800-354-0365 פון 9 אינדערפרי ביז 6 אוונט, מאנטאג ביז פרייטאג, און זאגט "public charge" (פובליק טשארדזש) צו באקומען צייטליכע און געטרויטע אינפארמאציע און פארבינדונג צו סיטי-באצאלטע, פרייע און פארזיכערטע אימיגראציע לעגאלע הילף. דער האטליין איז פריי און אנאנים, און הילף איז אוועילעבל אין איבער 200 שפראכן.

## אימיגראציע ענפארסירונג און צוטריט צו העלט קעיר

### איך בין אן אימיגראנט וואס איז נישט דאקומענטירט. קען מיין פראוויידער מיר באריכטן צו די פעדעראלע אימיגראציע אויטאריטעטן, ווי אימיגראציע און קאסטומס ענפארסירונג (Immigration and Customs Enforcement, ICE)?

פראוויידערס מוזן היטן די פריוואטקייט פון זייער פאציענטן, אפגעזען פון זייער אימיגראציע סטאטוס. שפיטאלן און קליניקס טיילן נישט מיט פאציענט אינפארמאציע אן פאציענט צושטימונג, חוץ אויב פארלאנגט אזוי צו טון דורך די געזעץ. פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי פראוויידערס היטן די פריוואטקייט פון אימיגראנטן, באזוכט nychealthandhospitals.org/immigrant און ליינט H+H's Open Letter to Immigrant New Yorkers (אפענע בריוו צו אמיגראנט ניו יארקער).

### וואָס זאָל איך טון אויב ICE באאמטע קומען צו די שפיטאל?

איר דארפט נישט רעדן צו ICE. אויב ICE באאמטע פרובירט אריינצוקומען אין א פריוואטע ארט, אזוויי אייער שפיטאל צימער, האט איר די רעכט צו האלטן די צימער פארמאכט און פרעגן אויב זיי האבן א געריכטליכעווארענט. א געריכטליכע ווארענט איז א לעגאלע דאקומענט פון א געריכט, אונטערגעשריבן דורך א ריכטער, וואס ערלויבט איינעם אדער א גרופע פון מענטשן צו טון עפעס. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט nyc.gov/immigrants און זוכט פאר **know your rights** (ווייסט אייער רעכטן). אויב ICE באאמטע פארהאלט אייך אדער אייער באליבטע, קענט איר רופן די רעפיד רעספאנס לעגאלע קאלעבארעטיוו אויף 800-354-0365 צו באקומען פרייע און זיכערע לעגאלע הילף.


NYC HEALTH+ HOSPITALS
NYC Health
NYC Mayor's Office of Immigrant Affairs